**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/5/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט 72.3 מיליאן דאלאר עפארדעבל האוזינג פראיעקט אין ראטשעסטער**

***פראיעקט וועט פארוואנדלען ליידיגע זיבן-שטאקיגע אפיס געביידע צו 129 עפארדעבל היימען***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אנפאנג פונעם בוי ארבעט אויף Gateway Apartments אין ראטשעסטער, א 72.3 מיליאן דאלאר פראיעקט וואס וועט פארוואנדלען א ליידיגע זיבן-שטאקיגע אפיס געביידע צו 129 עפארדעבל היימען. אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal, HCR) פינאנצירט איבער 6,000 עפארדעבל היימען אין מאנראו קאונטי, ארייגערעכנט מער ווי 4,700 אין ראטשעסטער. Gateway Apartments זעצט פאר מיט די באמיאונג און איז טייל פון די גאווערנאר'ס 25 ביליאן דאלאר'דיגע פינעף-יעריגע האוזינג פלאן וואס האלט אויף א וועג צו שאפן אדער אפהיטן 100,000 עפארדעבל היימען דורכאויס דעם סטעיט.

"די אנפאנג פונעם בוי ארבעט ביי Gateway Apartments ווייזט וואס איז מעגליך ווען מיר פארוואנדלען ליידיגע געביידעס צו הויכע-קוואליטעט, ענערגיע-עפישענט היימען פאר ניו יארקער," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די איניוואטיווע אפיס-צו-רעזידענטשעל טויש וועט פארוואנדלען א ליידיגע פראפערטי אלס שטארק-נויטיגע עפארדעבל האוזינג אין דאונטאון ראטשעסטער, פארשטערקערנדיג די קאמיוניטי, שטיצנדיג לאקאלע וואוקס, און אויסברייטערנדיג געלעגנהייט פאר ארבעטנדע פאמיליעס."

Gateway Apartments איז HCR'ס ערשטע אפיס-צו-רעזידענטשעל פארוואנדלונג אינדרויסן פון ניו יארק סיטי אנצופאנגען בוי ארבעט זייט די צושטעלן האוזינג פאר אונזערע שכינים בדרך כבוד אקט (Housing Our Neighbors with Dignity Act, HONDA) איז אריבערגעפירט געווארן, שאפנדיג א וועג צו פארוואנדלען פארנאכלעזיגטע קאמערציאלע פראפערטיס אלס עפארדעבל האוזינג. די דאונטאון געביידע, אריגינעל געבויעט אין 1905, איז געשטאנען ליידיג פאר 20 יאר.

Gateway Apartments וועלן זיין עפארדעבל פאר הויזגעזונדן וואס פארדינען ביז 80 פראצענט פון די דורכשניטליכע איינקונפט אינעם געגנט (Area Median Income) און שטעלט צו א געמיש פון סטודיאוס, איין שלאף-צימער און צוויי שלאף-צימער יוניטס. די אויסוואהל פון יוניטס וועט אפעלירן צו הויזגעזונדן פון פארשידענע סארטן און גרויסקייטן, ארייגערעכנט מענטשן וואס וואוינען דאונטאון אדער קליינע פאמיליעס.

לאקירט אין ראטשעסטער'ס צענטראלע ביזנעס דיסטריקט, וועט Gateway Apartments צושטעלן גרינגע צוטריט צו פובליק טראנספארטאציע, ווי אויך צו קאמערציאלע ריטעיל, העלט-קעיר, עדיוקעישענעל און פארוויילונג אינפערסטראקטור. די פראיעקט בויעט אויף HCR אינוועסטירונגען אין די איסט מעין סטריט קארידאר, ארייגערעכנט די ווידער-אויפלעבונג פון די היסטארישע הארפער'ס קארנער.

Gateway Apartments וועט זיין א פולקאם-עלעקטרישע דעוועלאפמענט מיט ENERGY STAR עפלייענסעס און LED לעקטער. עס נעמט אריין פולקאם צוטריטליכע און צופאסבארע דירות. עס זענען פארהאן דרייצן יוניטס צו אקאמעדירן איינוואוינער מיט באוועגונג באגרעניצונגען, און זעקס יוניטס צו אקאמעדירן איינוואוינער מיט סענסארי דיסאביליטיס.

די פראיעקט, אנטוויקלט דורך SAA | EVI, ווערט געשטיצט דורך HCR'ס פעדעראלע נידריגע איינקונפט שטייער קרעדיט פראגראם (Federal Low Income Tax Credit Program), וואס איז ערווארטערט ארייינצוברענגען 25 מיליאן דאלאר אין עקוויטי, 18.5 מיליאן דאלאר פו איר מיטלע איינקונפט האוזינג פראגראם (Middle Income Housing Program), סטעיט נידריגע איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיט פראגראם (State Low Income Housing Tax Credit program) וואס איז ערווארטערט ארייינצוברענגען 13.6 מיליאן דאלאר אין עקוויטי, א 4.1 מיליאן דאלאר ערשטע מארגעדש ( First Mortgage), און 850,000 דאלאר פון די קאמיוניטי אינוועסטירונג פאנד ( Community Investment Fund). די פראיעקט טוט אויך בענעפיטירן פון איבער 3.4 מיליאן דאלאר אין ריינע ענערגיע איניציאטיוו (Clean Energy Initiative) פינאנצירונג, א שותפות צווישן HCR און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA). עמפייר סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) טוט צושטעלן 2 מיליאן דאלאר פון איר שטעל צוריק ניו יארק (Restore New York) פראגראם. די סיטי פון ראטשעסטער שטעלט צו 850,000 דאלאר דורך איר HOME פראגראם.

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוטען ווינאסקאס) האט געזאגט,** "Gateway Apartments איז א ביישפיל פון די כח פון צוגעפאסטע איבערנוצונג צו אדרעסירן לאקאלע האוזינג געברויכן בשעת'ן צושטעלן סוסטעינעבעל, גענצליך-עפארדעבל היימען. מיט די דעוועלאפמענט, טוען מיר נישט בלויז שאפן 129 נייע יוניטס פון עפארדעבל האוזינג, נאר טוען אויך פארשטערקערן ראטשעסטער'ס דאונטאון צענטער און פאראויסריקן אונזער צילן איבער'ן סטעיט פאר גלייכבארעכטיגטע אנטוויקלונג. א דאנק צו SAA | EVI פאר אייער שותפות אויף די טראנספארמירנדע פראיעקט. מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר שטייפע וויזיע צו פארמערן אונזער האוזינג סופליי."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, זענען עפארדעבל האויזנג דעוועלאפמענטס א טייל פון די אינפערסטראקטור צו שטיצן ברייטע קאמיוניטי טראנספארמירונג. פארוואנדלען די לאנג-ליידיגע אפיס געביידע צו 129 יוניטס — געשטיצט דורך פינאנצירונג פון 'שטעל צוריק ניו יארק' — וועט העלפן פארשטערקערן דעם געגנט און מוטיגן נייע געלעגנהייטן פאר איינוואוינער אין ראטשעסטער'ס צענטער סיטי."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "די היינטיגע אנפאנג צייכנט אפ א וויכטיגע שריט אינעם ריכטונג פון צושטעלן הויכע-קוואליטעט, עפארדעבל האוזינג וואס נעמט אריין ענערגיע-עפישענט דעזיין פונעם אנפאנג. דורך פראיעקטן ווי די Gateway Apartments אין ראטשעסטער, טוט ניו יארק צייגן וואס איז מעגליך ווען מען פארוואנדלט אומבאנוצטע געביידעס נוצדניג די לעצטיגע ריינע ענערגיע לעזונגען צו צושטעלן פארזיכערטע, מאדערנע וואוינונגס ערטער."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דשערעמי קאואני) האט געזאגט,** "עפארדעבל האוזינג איז די שליסל צו בויען רייכטום וואס האלט זיך פאר דורות און ארויסשלעפן אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער פון ארעמקייט. די Gateway Apartments פראיעקט וועט זיין טראנספארמירנד פאר אזויפיל ראטשעסטער איינוואוינער און וועט עס מאכן גרינגער ווי קיינמאל פריער צו דערגרייכן הויכע-קוואליטעט האוזינג. איך

וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פריארטיזירן האוזינג געברויכן אין ראטשעסטער, וואו כמעט א דריטל איינוואוינער לעבן אונטער די פעדעראלע ארעמקייט ליניע און קענען נישט נאכקומען די קאסטן צוליב האוזינג פרייזן."

**אסעמבלי מיטגליד Demond Meeks (דעמאנד מיקס) האט געזאגט,** "עפארדעבל האוזינג איז די יסוד פון א פארזיכערטע, בליענדע און סטאבילע קאמיוניטי. די אנפאנג פונעם בוי ארבעט אויף Gateway Apartments טוט פארטרעטן נאך א וויכטיגע שריט אינעם ריכטונג פון אויפלעבן דאונטאון ראטשעסטער און אויסברייטערן האוזינג געלעגנהייטן פאר אונזערע איינוואוינער. דורך פארוואנדלען א לאנג-ליידיגע געביידע צו 129 עפארדעבל היימען, טוען מיר נישט בלויז אדרעסירן אונזער קריטישע האוזינג געברויכן, נאר אויך ארייינבלאזן פרישע לעבן אין אונזער סיטי'ס צענטער. אונזער אפיס איז שטאלץ צו שטיצן איניציאטיוון וועלכע שטעלן צאם סוסטעינעבעל אינפערסטראקטור מיט צוטריטליכע, קוואליטעט האוזינג פאר ארבעטנדע פאמיליעס און מענטשן. מיר וועלן ווייטער ארבעטן מיט גאווערנאר Hochul (האקול) צו פארמערן אינוועסטירונגען אין דאונטאון ראטשעסטער."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו Adam Bello (אדאם בעלאו) האט געזאגט,** "עפארדעבל און פארזיכערטע האוזינג איז קריטיש וויכטיג פאר די שטארקייט און צוקונפט פון אונזער סיטי און קאונטי. איך אפלאדיר די גאווערנאר און איר טיעם פאר זייער שעפערישקייט און פארפליכטונג צו פארוואנדלען די גרויסע ליידיגע פראפערטי צו שפאגל-נייע עפארדעבל האוזינג יוניטס וועלכע וועלן קענען אקאמעדירן א ברייטע אויסוואהל פון איינוואוינער פון איינצלנע מענטשן ביז פאמיליעס. די אינוועסטירונג וועט נישט בלויז צושטעלן סטאבילע היימען פאר איינוואוינער, נאר אויך העלפן אויפלעבן די ארומיגע קאמיוניטי און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר פאמיליעס צו בליען."

**סיטי פון ראטשעסטער מעיאר Malik Evans (מאליק עוועגס) האט געזאגט,** "די סטראטעגישע אינוועסטירונגען וואס גאווערנאר Hochul (האקול) מאכט אין ראטשעסטער טוען העלפן טרייבן די וואוקס און אויפלעבונג וואס מיר זעהן היינט אין דאונטאון. Gateway Apartments איז א מאכטפולע ביישפיל פון יענער פארשריט, פארוואנדלענדיג א לאנג-ליידיגע געביידע צו הויכע-קוואליטעט, עפארדעבל האוזינג צוזאמען מיחט פראיעקטן ווי די צוקונפטיגע Main Street Commons אין די הארץ פון אונזער דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative) געגעגט. די אינוועסטירונג רעפלעקטירט אונזער פארפליכטונג צו שאפן א מער בליענדע, פארבינדעטע און אינקלוסיווע סיטי פאר יעדער איינער. איך בין דאנקבאר צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר אנגייעדנע מיטארבעט און איר געוויכט אויף פארזיכערן אז ראטשעסטער איינוואוינער האבן צוטריט צו פארזיכערטע, קוואליטעט און עפארדעבל האוזינג."

**SAA | EVI ראיאנשיע הויפט און פארטנער Connor Kenney (קאנאר קעני) האט געזאגט,** "10 יאר צוריק, האב איך איך אנגעהויבן מיין קאריערע אלס אן אינטערן אין ראטשעסטער, ניו יארק. עס געבט גאר א גוטע געפיל צו האבן די געלעגנהייט צו האבן א פאזיטיווע השפעה אויפ'ן סיטי. די SAA|EVI טיעם איז דאנקבאר פאר אונזערע אלע שותפים וואס האבן מיטגעארבעט מיט אונז צו מאכן די פראיעקט פאר א ריאליטעט. HCR און HFA, די סיטי פון ראטשעסטער, JPMorgan Chase, Redstone Equity, SWBR, Christa Construction און Cannon Heyman Weiss זענען אלע געוועהן אויסגעצייכנט צו ארבעטן מיט. מיר זענען פארפליכטעט צו די סיטי פון ראטשעסטער און קוקן ארויס צו פארזעצן אונזער הויפט מיסיע: צושטעלן הויכע קוואליטעט עפארדעבל האוזינג פאר נידריגע איינקונפט איינוואוינער דורכאויס ניו יארק סטעיט."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) איז אנטשלאסן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפארדעבעל און וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. זינט פיסקאלע יאר 2023, האט

די גאווערנער געארבעט צו פארגרעסערן די האוזינג מארקעט צו מאכן האוזינג מער אפּאָרדעבעל דורכן ארויסקומען מיט א 25 ביליאן דאלארדיגע פינף-יאריגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן, אויספירן די מערסט באדייטנדע האוזינג אפמאך אין צענדליגע יארן און איינפירן נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט HCR געעפענט נייע פראגראמען וועלכע טוען פארשנעלערן די אנטוויקלונג פון עפארדעבל און געמישטע-איינקונפט היימען — סיי פאר די וואס דינגען און סיי פאר די וואס קויפן. דאס רעכנט אריין די פרא-האוזינג קאמיוניטי (Pro-Housing Community) פראגראם, וואס געבט פאר באשטעטיגטע לאקאליטעטן די אויסשליסליכע צוטריט צו ביז 750 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו נוצן וויאזוי זיי פארשטייען. מער ווי 410 קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט זענען באשטעטיגט געווארן אלס פרא-האוזינג (Pro-Housing), אריינגערעכנט די סיטי פון ראטשעסטער.

אלס טייל פון גאווערנער Hochul'ס (האקול) 2026 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האט די גאווערנער פארגעשלאגן איר "Let Them Build" ("לאז זיי בויען") אגענדע, א סעריע פון היסטארישע רעפארמען צו פארשנעלערן האוזינג און אינפראסטרוקטור אנטוויקלונג און אראפברענגען קאסטן. די איניציאטיוו וועט ברענגען א סעריע פון שכל'דיגע רעפארמען צו ניו יארק'ס 'סטעיט ענווייראנמענטאלע קוואליטעט איבערזיכט געזעץ' (State Environmental Quality Review Act, SEQRA) און עקזעקיוטיווע שריט צו פארשנעלערן קריטישע קאטעגאריעס פון פראיעקטן וואו מען האט שטענדיג געפונען אז זיי האבן נישט קיין באדייטנדע אפעקטן אויפן ענווייראנמענט, אבער שלעפן זיך שוין פאר צו לאנג צוליב איבעריגע ביוראקראטיע און זענען איסגעשטעלט צו לאנגע פארשפעטיגונגען.

די עקזעקיוטיוו בודשעט פאר די 2027 פינאנציעלע יאר טוט פארענדיגן די גאווערנאר'ס יעצטיגע פינעף-יעריגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער אנהאלטן צו 100,000 עפארדעבעל היימען איבער'ן סטעיט, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, ווי אויך איבערפירן פרישע 50,000 היימען צו עלעקטריציטעט. מער פון 81,000 אפּאָרדעבעל היימער זענען שוין געבויט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט. די עקזעקיוטיוו בודשעט האט אויך אינוועסטירט 250 מיליאן דאלאר צו פארשנעלערן די אויפבוי פון נאך טויזנטע צוגענגליכע היימען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן